גוט יום טוב אלע אידן. ווען די גאנצע נאווארדאק ישיבה איז איינגעשפארט געווארן דורך די קומאניסטן ימ"ש, האבן די בחורים נישט אויפגעהערט צו לערנען די הייליגע תורה. אזוי ווי עס איז באוואוסט, די קומאניסטן האבן פרובירט צו הרג'ענען סיי די אידישע גוף און סיי די אידישע נשמה. כדי צו הרג'ענען די אידישע גוף, האבן די רשעים געלייגט שווערע ארבעט אויף די אידן, און פארשטייט זיך אז זיי האבן נישט געגעבן געהעריגע עסן פאר די בחורים פון נאווארדאק. די רשעים האבן נאר געגעבן גענוג עסן כדי אויסצוהאלטן די בחורים. די תפיסה וואו די בחורים האבן זיך געפינען איז געווען קאלט און נאס. די בחורים האבן נישט געהאט קיין מאנטליך און נישט קיין דאכענעס און די טעמפעראטור איז געווען פארפרוירן.

אפילו די קומאניסטן זענען געווען רשעים, איין "חסד" האבן זיי געטון פאר די בחורים, ד"ה זיי האבן ערלויבט די משפחות פון די בחורים ארייצושיקן פעקלעך עסן. און כאטש זיי האבן געלאזט ארייננשיקן עסן צו די בחורים איז עס נאכאלץ געווען א נס ווען דאס עסן איז טאקע אנגעקומען בשלימות, ווייל אסאך מאל איז דאס עסן פארלוירען אדער פשוט באגנבעט געווארן.

די זאך וואס האט געשטערט די בחורים דאס מערסטע איז געווען דאס אז זיי האבן נישט געהאט קיין ספרים. אבער, ב"ה די בחורים וואס זענען געווען אין די שווערסטע מצבים אונטער די קומאניסטן האבן נאכאלץ מקיים געווען די ווערטער פון פסוק, "לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך וכו'." (ישעיה נט,כא) ווי אזוי האבן זיי עס געטון? זיי האבן איבערגעגעבן פאר זייערע משפחות אז מען זאל איינוויקלען דאס עסן מיט בלעטער גמרא. בשעת די בחורים זענען איינגעשפארט געווארן, האבן זיי געלערנט מסכת מכות וואס האט כב' דף. צוליב דעם, האבן די בחורים געבעטן פון זייערע משפחות אז יעדע איינע זאל ארייננשיקן פעקלעך קעיז ארייגעלעגט אין איינע פון די כב' דף פון מסכת מכות.

די פאליציי אין תפיסה וואס האבן אלע פעקלעך דורכגעקוקט, האבן נישט געכאפט וואס איז פארגעגאנגען, און באלד דערנאך האבן די בחורים פון נאווארדאק געהאט די גאנצע מסכתא! דורך דעם האבן די בחורים געקענט אויסהאלטן דורך די שווערע טעג אין די רוסישע תפיסה.

דער מעשה ווייזט אויף די מוראדיגע מסירות נפש פון אידן צו לערנען תורה. מען קען פון דא ארויסנעמען א געוואלדיגע מוסר השכל וואס איז שייך אין אונזער טאג-טעגליכע לעבן. ד"ה, יעדער איד איז מחויב צו לערנען תורה לויט זיין מעגליכקייט, בפרט ווען עס קומט אהן שווער. וויבאלד אז יעצט איז דער צייט פון קבלת התורה, לאמיר אביסל רעדן וועגן דעם ענין פון דעם חשיבות פון לימוד התורה.

עס איז אינטערעסאנט צו דערמאנען אז יעדע יום טוב האט זיין אייגענע הכנות און "יגיעות." למשל, פסח דארף מען רייניגען דעם שטוב און באקען מצות וכו', פאר ראש השנה און יום הקדוש דארף מען אויפשטייען פריער צו זאגן סליחות און שלאגען כפרות, און פאסטן וכו', פאר סוכות דארף מען בויען די סוכה און קויפן די ארבע מינים. פאר פורים דארף מען פאסטן און צוגערייטן משלוח מנות און געבן צדקה, וכו'. וואס זענען די הכנות און "יגיעות" פון דעם הייליגען יום טוב שבועות? דאס ענטפער איז: יגיעה אין תורה. דאס וואס א איד איז זיך מיגע אין תורה די גאנצע יאר, דאס איז די הכנה צו קבלת התורה.

לאמיר יעצט דערציילן א צווייטע מעשה וואס האט א שייכות צום ערשטען מעשה, וואס ווייזט ווי אידן האבן געלערנט תורה אין די שווערסטע מצבים. דער ראש ישיבה פון דער נאווארדאק ישיבה האט געהייסן רב חיים אפרים זייטציק. די קומאניסטן האבן אים אוועקגעשיקט צו א לאגער אין סיביר. זיין "עבירה" איז געווען אז ער האט געלערנט תורה צו די בחורים אין ישיבה, די זעלבע בחורים וועלכע זענען אליינס איינגעשפארט געווארן אין תפיסה. (אינטערעסאנט אז די שונאי ישראל פארשטיין גאנץ גוט די כח פון לימוד תורה צו האלטן דעם אידישן פאלק. יעדער רעגירונג וואס האט געוואלט מאכן א סוף פאר די אידן, האט געאסרט לימוד התורה.) רב זייטציק'ס מצב איז געווען אפילו שווערער ווי די בחורים וועלכע זענען געווען אין אן אנדערע תפיסה. ער האט געהאט ווייניגער צו עסן און עס איז געווען נאך מער קאלט, און ער האט געדארפט ארבעטן שווער.

איינע פון די דזשאבס אין דעם לאגער איז געווען צו טראגען וואסער פון א קוואל וואס איז געליגען בערך צוויי מייל אוועק פון דעם לאגער. טראגען דעם וואסער איז געווען גאר א שווערער ארבעט. אבער איין טאג, האט רב זייטציק זיך פרייוויליג געמאלדען צו טראגען די וואסער. פארוואס האט ער געוואלט טון אזא שווערן ארבעט? ווייל ער האט געהערט אז עס וואוינט א איד ביי דעם אנדערען עק פונעם וואלד, און דורך טראגען דעם וואסער וועט ער האבן דעם געלעגענהייט אפשר צו טרעפן דעם איד.

איין טאג ווען ער איז געגאנגען שעפן וואסער איז ער געגאנגען שטילעהייט דורך דעם וואלד צו דעם דערפעל וואו דער איד האט געוואוינט. ער איז געווארן איבערגענומען מיט א גרויסע שמחה צו טרעפן דעם איד'ס קליינעם שטוב מיט א מזוזה אויפן אריינגאנג. ער האט געקלאפט שטילעהייט אויפן טיר. ער האט גלייך געזען אז די אידן זענען געווען ארעמעלייט וואס האבן נישט געהאט אסאך מער ווי אים. די פרוי האט אבער אראפגעלייגט א שטיקל ברויט פאר אים, און דאן האט זי אים אוועקגעשיקט צוליב דער סכנה פון דער רעגירונג.

אבער, רב זייטציק איז נישט אוועקגעגאנגען אזוי שנעל. נאר, ער האט זיך געעקשנט און געזאגט, "איך וויל נישט קיין עסן, איך ווייל א ספר!" די פרוי האט גערופן איר מאן וואס איז גלייך געקומען צו דעם טיר. דער איד האט געזאגט צו רב זייטציק, "זייט מוחל, אבער איך בין נישט קיין געלערנטע מענטש. איך האב איין ספר... און איך וויל עס נישט אוועקגעבען."

רב זייטציק האט דעם בעל הבית שטארק געבעטן, "ביטע, געב מיר נאר אפילו איין דף פונעם ספר. איך בין גרייט צו נעמען וועלכע דף דו ווילסט מיר נאר געבען, אפילו דעם 'שער' בלאט! איך בעט דיר, איך בין הונגריג פאר לערנען. שיק מיך נישט אוועק מיט גארנישט." רב זייטציק האט געמאכט א מורא'דיגע איינדרוק אויף דעם בעל הבית, און דערפאר האט דער בעל הבית געבערענגט דעם ספר. "איך מוז זאגן די אמת," האט דער בעל הבית געזאגט האלטענדיג דעם ספר אין זיין האנט. "די ספר איז א גמרא מיט צווי מסכתות אין איינס, נדרים מיט נזיר. איך געב דיר איינס." דאן האט דער איד צוריסן דעם ספר אין צוויי, און ער האט געגעבן מסכת נדרים פאר רב זייטציק. רב זייטציק האט עס באהאלטן אינטער זיין מאנטל און ער האט שטארק באדאנקט דעם איד. דאן איז ער צוריקגעגאנגען צו דעם לאגער.

צוריקגיינדיק צו דעם לאגער האט רב זייטציק געטראגן א גרויסן שמייכל אויף זיין פנים. אפילו ער איז געווען הונגריג און אויסגעמוטשעט מיד, איז ער געווען מלא שמחה ווייל ער האט געהאט דעם "דבר ה'" אויף וואס ער האט אזוי שטארק געהונגערט אין לאגער.

מען זעט פון דעם מעשה און פון דעם ערשטען מעשה אויך, די מסירות נפש פון אידן וואס האבן געלערנט תורה אפילו זיי האבן געליטן פון גרויס צער. לאמיר זיך נתעורר ווערן זיך צו מיגע זיין אין לימוד התורה, בפרט ווען עס איז שווער צו מאכן צייט צו לערנען. דעמאלט קענען מיר אלע טון די ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה.

און טאמער מען איז נישט זוכה צו קענען זיצן און לערנען א גאנצע טאג, קען מען האבן די זכות פון יענעם'ס תורה דורך משתתף זיין אין דעם חשוב'ען יששכר-זבולן פראגראם געפירט דורך אונזער באליבטען מרכז הכוללים. זאגט דער מדרש, פארוואס ווערט זבולן דערמאנט בעפאר יששכר אין די תורה (בראשית מט,יג)? "...שהיה זבולן עוסק בפרקמטיא, ויששכר עוסק בתורה, וזבולו בא ומאכילו, לפיכך קדמו עליו עץ חיים היא למחזיקים בה (משלי ג, יח). דורך שטיצן דעם יששכר-זבולן פראגראם קענען מיר אלע זוכה זיין די געוואלדיגע זכותעם פון די הונדערטע לומדי תורה ביראה וטהרה. **גוט יום טוב אלע אידן.**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)